**גאווערנאר ענדרו מ. קאומאו** **אויף באלדיגע פובליקירונג:** 5/31/2021

**דעקלעראציע פון גאווערנער ענדרו מ. קאומאו וועגן די בלאקיר-שעה פון עסן אין רעסטאראנטס ווערן אראפגענומען**

"אין חודש מאי האבן מיר געמאכט גרויסע שריט צוריק אויפעפענען אונדזער עקאנאמיע און זינט מאי 31, זענען מיר מבטל דעם בלאקיר שעה פון 12 ביינאכט אויף אינעווייניגע עסן אין בארס און רעסטאראנטס איבער גאנץ ניו יארק.

אזוי ווי יעדע אנדערע מיילשטיין פון אונדזער צוריק-עפענען, די ענדע פון בלאקיר-שעה פאר אינעווייניגסטע עסנס איז דער רעזולטאט פון ניו יארקער וואס האבן זיך צוגעפאסט צו די צונויפגענומען פארשריפטן, אנגעהאלטן שיצ-באווארענונגען און ווערן וואקסינירט, אז מיר זאלן זיגן אינעם קאמף קעגן דעם ווירוס און ארבעטן אונדזער וועג צו א נייעם נארמאל.

אונדזער צוגאנג פון צוריק-עפענען איז שטענדיג געווען געשטעלט אויף דאטא און אויב מיר ווילן בלייבן אויף אונדזער יעצטיגן גאנג, דארפן מיר בלייבן וואַכיג ארום און ארום - ספעציעל ווען עס רעדט זיך פון אינעווייניגסטע אקטיוויטאטן. ווי שטענדיג, מיר וועלן ווייטער אנגיין ארבעטן מיט אונדזער לאקאלע שותפים צו מאכן זיכער אז די לאקאלן פאלגן אויס די אלגעמיינע זיכער-הדרכות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן